# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת אמור תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 431

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### די שטארקייט פון די שבת'דיגע תפילות

**"שׁוֹר אוֹ כֶשֶׂב אוֹ עֵז כִּי יִוָּלֵד וְהָיָה שִׁבְעַת יָמִים תַּחַת אִמּוֹ וּמִיּוֹם הַשְּׁמִינִי וָהָלְאָה יֵרָצֶה לְקָרְבַּן אִשֶּׁה לַה'"** (כב כז)

די חכמים (ויק"ר כז י) ערקלערן די סיבה וואס די תורה האט באפוילן נישט מקריב זיין א קרבן בעפאר עס וועט זיין "שבעת ימים תחת אמו", כדי עס זאל כאטש אריבער גיין איין שבת בעפאר מען וועט עס מקריב זיין פאר א קרבן.

לויט דעם ערקלערט דער **'שבולי הלקט'** וואס מיר זאגן ביי תפילת מוסף פון שבת: "תכנת שבת רצית קרבנותיה"; ווייל דען הקב"ה נאר די קרבנות פון שבת? אבער, לויט ווי אויבן געזאגט אז מען קען נישט מקריב זיין א קרבן בעפאר עס גייט אריבער אויף אים א שבת, איז אונזער כוונה אויף אלע קרבנות, ווייל די שבת איז גורם אז אלע קרבנות זאל אנגענומען ווערן לרצון.

לייגט צו האדמו"ר **רבי משה יחיאל מאוזורוב:**

אויב איז די כח פון שבת אזוי גרויס צוהעלפן די קרבנות וואס מען איז נישט מקריב אין דעם טאג זאל עולה זיין לרצון, על אחת כמה וכמה אז די שבת העלפט פאר די קרבנות וואס מען איז מקריב אין דעם טאג. און פון דעם קען מען זיך לערנען אז אויך די תפילות פון שבת וואס זענען אנשטאט די קרבנות פון שבת, האבן א סגולה אנגענומען צו ווערן לרצון מער ווי די וואכעדיגע תפילות, "און וועגן דעם דארף מען אין שבת אכטונג געבן בייס לערנען און דאווענען מער ווי אין די וואכעדיגע טעג".

'שבולי הלקט' סי פב; 'אש דת' ח"ח עמ' של

### לויבן אויף די צרה און די ישועה צוזאמען

**"וְכִי תִזְבְּחוּ זֶבַח תּוֹדָה לַה' לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחוּ"** (כב כט)

טייטש דער **'כתב סופר':**

געווענליך, ווען דער מענטש קומט לויבן אויף דעם וואס ער איז געראטעוועט געווארן פון א צרה, פילט ער אין די טיפעניש פון זיין הארץ אז בעסער וואלט געווען ווען די צרה קומט אינגאנצן נישט און ממילא וועט ער נישט דארפן צוקומען צו די ישועה. דעריבער באפעלט די תורה רעדנדיג פון א קרבן תודה וואס קומט ווי א הודאה אויף א נס (ראה רש"י לעיל ז יב): "לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחוּ!" - זייט מקריב ענקער תודה מיט א רצון און חשק, און איר זאלט נישט טראכטן בעסער וואלט געווען אויב ענק דארפן נישט צוקומען צו די ישועה, ווייל אויך דער צער וואס איז פון די צרה איז פאר ענקער טובה, אזוי ווי די חכמים האבן געהיסן (ברכות לג ב): "חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה".

מיט דער יסוד ערקלערט אויך דער 'כתב סופר' די סיבה פארוואס ביי די ברכה 'הגומל' טון מיר זיך נישט באגענוגן מיט די ברכה 'שגמלני טוב' נאר מיר באטאנען: "שגמלני **כל** טוב"; אונז צו לערנען אז ווען דער מענטש לויבט און דאנקט אויף זיין ישועה, דארף ער איינערקענען אז סיי די ישועה און סיי די צרה זענען געווען פאר זיין טובה, און לויבן אויף אלעס צוזאמען.

'כתב סופר החדש' [ירושלים תש"ס] עמ' קמה

### 'היום יום אחד' – אנטקעגן די מינים

**"וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת עֹמֶר הַתְּנוּפָה שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה"** (כג טו)

אין דעם ערשטן טאג פון ספירת העומר ציילן מיר: "היום יום **אחד** לעומר". און עס איז באקאנט די וואונדער, פארוואס ציילן מיר נישט מיט דעם נוסח: "היום יום **ראשון** לעומר", פון די ווערטער פון רש"י אין זיין פירוש אויף תורה (בראשית א ה) זעט אויס אז די לשון איז בעסער, אזוי אויך טרעפן מיר עטליכע מאל אין אונזער פרשה וואס די תורה כאפט אן עטליכע מאל: "בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן"?

ערקלערט **רבי יוסף שאול נאטאנזאהן:**

עס ווערט געברענגט אין גמרא (מנחות סה א) אז די מינים וואס האבן זיך געקריגט אויף די מסורת התורה, האבן גע'טענה'עט אז ספירת העומר הייבט זיך שטענדיג אן זונטאג - למחרת השבת, נישט ווי חכמים וואס האבן געהאט א מסורת אז "מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת" איז זיין באדייט - למחרת פון יו"ט ראשון של פסח. לויט דעם קען מען זאגן אז כדי צו מבטל זיין זייערע ווערטער, האבן די חכמים מתקן געווען מען זאל ציילן 'יום אחד', און נישט 'יום ראשון', און מיט דעם ארויסברענגען אז די ציילן הייבט זיך נישט אן דווקא זונטאג, נאר למחרת פון יו"ט פסח.

'דברי שאול' חידושי אגדות מנחות סו א

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### 'וקרא זה אל זה'

טאג טעגליך הייבן מיר די 'קדושה' מיט די ווערטער: "נקדישך ונעריצך כנועם שיח סוד שרפי קודש", אדער: "נקדש את שמך כשם שמקדישים אותו בשמי מרום", יעדער איינער לויט זיין נוסח.

טיילמאל פרעג איך זיך אליין, פון וואו נעמען מיר די מוט זיך צו פארגלייכן צו די מלאכי עליון? די ענטפער ווי עס זעט אויס איז מרומז אין די פארזעצונג פון דער לשון הפסוק (ישעיהו ו') "וקרא זה אל זה ואמר", די מלאכים רופן איינער דעם צווייטן, און דאס קענען מיר טון: רופן איינער דעם צווייטן, און זאגן א ברכה בשלימות ווען אונזער חבר ענטפערט "אמן"!

אין די צייט וואס דער וואס זאגט די ברכה הייליגט דעם באשעפער און זאגט עדות אז ער איז דער 'מלך העולם', אין די זעלבע צייט לויבט אויך דער וואס ענטפערט, ווען ער רופט אויס: **'א'**-ל **מ'**לך **נ'**אמן'.

דאס איז די הנהגה וואס די הלכה האט אונז באפוילן, אין לויף פון א גאנצן טאג, ביי יעדע ברכה וואס זאל זיין, אנגעהויבן פון ברכות השחר אינדערפרי ביז די ברכה 'המפיל' - בעפאר מיר זאגן די ברכה וועלן מיר זארגן אז עמיצער זאל צוהערן צו אונזערע ברכות און וועט זאגן 'אמן', מיט דעם קענען מיר זיין אזוי ווי די מלאכים אין הימל.

עס איז באקאנט אז 'אמן' איז בגימטריה 'מלאך'. אויסער דער אנגענומענער הסבר אז פון יעדע 'אמן' ווערט באשאפן א מלאך, קענען מיר צולייגן און ערקלערן, אז דאס איז מרמז אויף דעם וואס די ברכה צוזאמען מיט די אמן מאכן א שבח פון 'וקרא זה אל זה', אזוי ווי דער שבח פון א מלאך.

ווער וויל דען נישט זיין ווי מלאכי השרת?

יהי רצון אז מיר זאלן זוכה זיין לויבן דעם באשעפער בשלימות ווי עס דארף צו זיין, דורך דעם וועלן ארויפגיין אונזערע ברכות אין הימל און משפיע זיין אויף אונז שפע ברכה און ישועות עד בלי די.

**מיט א רוף "ונרוממה שמו יחדיו"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# 'נאך אמן קומט א נס'

די מעשה וואס מיר טון דא פאר אייך פארשטעלן, האבן מיר שוין א לאנגע צייט צוריק געהערט פון טייערער פריינד, א טעטיגער איד פול מיט טון חסד, וואס צענדליגער יארן ארבעט ער מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און באשיידנהייט צו העלפן קראנקע און זייערע פאמיליעס, אין ראם פון דער בארימטער חסד-ארגאניזאציע 'עזר מציון'.

אונזער ידיד איז א אקטיווער שותף אין אלע וואונדערליכע און ברייטע אקטיוויטעטן פון דער עזר מציון ארגאניזאציע צו העלפן קראנקע בגוף ובנפש און זייערע פאמיליעס אין א ריזיגן פארנעם, ווי פאר אלעמען באקאנט.

דאס איז געווען בשעת אונזער פריינד דער בעל המעשה איז געווען אין אמעריקע צו זאמלען געלט פאר עזר מציון. ביי זיין באזוך האט ער באזוכט אין די וואוינונג פונעם פארזיצער פון 'בני אמונים' רבי יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א, וועלכער איז שוין לאנגע יארן א ידיד און געטרייער שותף פון דער חסד-ארגאניזאציע 'עזר מציון'.

הרב מארמארשטיין האט אויפגענומען זיין גאסט מיט גרויס רעספעקט, די צוויי האבן פריינדליך געשמועסט, ווען אינמיטן שמועס הרב מארמארשטיין געבעטן אז ער וויל זאגן פארן גאסט וואס עס ליגט אים אויפן הארץ, און אזוי האט ער געזאגט:



"מיין פריינד, דו און די איבעריגע פון דער עזר מציון ארגאניזאציע אינוועסטירן אלע אייערע שעה'ן און מיטלען צו ברענגען א רפואה בגוף ובנפש פאר אלע חולי ישראל. אזוי ווי צענדליגער טויזנטער מענטשן איבער דער וועלט בין איך אויך באקאנט מיט די ריזיגע פראיעקטן וואס איר האט געגרינדעט צו העלפן קראנקע און זייערע פאמיליעס אין יעדע שטאט; לוינט זיך דען נישט איר זאלט אינוועסטירן אויך אביסל מיטלען אין דעם רוחניות'דיגן טייל פון דעם ענין...?"

זעענדיג די וואונדער וואס האט זיך אויסגעשפרייט אויף אונזער ידיד'ס געזיכט, האט הרב מארמארשטיין דערקלערט:

"איך רעד דא נאר פון א גרינגע און פשוטע זאך, א קליינע רוחניות'דיגע אקציע וואס קען ברענגען א גייסטיגע הילף פאר די חולים וואס ליידן, און עס קאסט נישט קיין געלט; איך מיין די 'מי שברך' אויף די קראנקע וואס ווערט געזאגט יעדן שבת בשעת קריאת התורה, ווען מיר דערמאנען די קראנקע וואס נויטיגן זיך אין א רפואה, און בעטן פון הקב"ה זאל זיי שיקן א רפואה שלימה מן השמים.

די דאזיגע געהויבענע תפלה ווערט געזאגט נעבן די הייליגע תורה, און ווערט דירעקט געזאגט פאר די אויערן פון די מתפללים, ווען אין ענדע קומט ארויס און שרייט - ווי פון די מויל פון די קראנקע וואס מיר האבן דערמאנט - די שטארקע געשריי: 'ונאמר 'אמן'!'.

אבער צו די גרויסער ווייטאג און וואונדער, טראץ די קריטיש וויכטיקייט פון די תפילה פאר די הילף פון די קראנקע וואס מוטשענען זיך אין זייער קראנקן-בעט, אסאך פון די מתפללים לייגן נישט צו הארץ צו דעם רוף וואס מען זאגט אין ענדע און ווענדט זיך צו זיי; זיי זענען פארנומען מיט אנדערע זאכן, ווי קוקן אין א ספר אדער א בלעטל, אדער ערגער פון דעם - סתם שמועסן, און אפילו אויב אין ענדע זאגן זיי א 'אמן', זאגן זיי דאס כמצות אנשים מלומדה. די 'אמן' וואס פעלט אזוי וויכטיג אויס צו פארענדיגן די ברכה, ווערט געזאגט, אויב יא, אויף א פארשעמטן אופן און אן כוונה.

אויב איר קענט מעורר זיין דעם ציבור וועגן די וויכטיקייט פון די 'אמן', האב איך נישט קיין צווייפל אז איר וועט זיך שפארן אסאך פון ענקערע אקטיוויטעטן, דורך דעם וואס פיל פון די וואס דארפן ענקער הילף וועלן געהיילט ווערן בחסדי שמים דורך די 'תפילת רבים' פון דער וואס זאגט די 'מי שברך' און די מתפללים וואס ענטפערן 'אמן'".

ווי דער באקאנטער מאמר: "דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב", האבן די ווערטער פון הרב מרמארשטיין גלייך אויפגעטון; דער איד זייענדיג א אקטיווער מענטש, האט אויפן פלאץ אויפגעהויבן א טעלעפאן קיין ארץ ישראל, צו זיין פריינד, וועלכער דינט אלס גבאי פון דער 'צעירים' שול אין שיכון ג' אין בני ברק, און האט איבערגעגעבן די ווערטער וואס ער האט באקומען, פונקט אזוי ווי ער האט עס געהערט פון הרב מארמארשטיין.

דער אמת איז אז דער טעלעפאן רוף איז נישט געמאכט געווען סתם אין די לופט אריין. דער זון פון איינעם פון די חשובע מתפללים אין דער שול, א קליין יונגל, האט דעמאלטס געליטן פון א "ווילדע באקטעריע", ער איז געווען אין שפיטאל און די דאקטורים האבן געקעמפט פאר זיין לעבן. די סיטואציע איז נישט פשוט געווען, די דאקטורים האבן געבראכן זייערע הענט מיט גרויס צער, ווען די פאמיליע מיטגלידער האבן מיט אויסגעלאשענע אויגן צוגעקוקט ווי די מצב ווערט ערגער פון מינוט צו מינוט.

טראץ דעם גרויסן ווייטקייט צווישן זיי, האט דער גבאי געפילט די ווארעמקייט אין וואס די ווערטער זענען געזאגט געווארן, און זייענדיג אליין א געטרייער מענטש האט ער גענומען די זאך אויף זיך און צוגעזאגט פאר זיין חבר אז שוין דעם קומענדיגן שבת, בשעת'ן זאגן דעם 'מי שברך' נאכן ליינען וועט ער צוזאמנעמען אלע קינדער נעבן די בימה און בעטן זיי זאלן ענטפערן 'אמן' נאכן 'מי שברך'.

אונזער ידיד וואס האט איבערגעגעבן דעם מעסעדזש האט כמעט פארגעסן דערפון, אבער דער ענין האט נישט געוואלט פארגעסן ווערן... ווייל שוין דעם קומענדיגן זונטאג האט ער באקומען א דרינגענדן טעלעפאן רוף פון דעם זעלבן איבערגעגעבענער גבאי' וואס מיט אים האט ער גערעדט די לעצטע וואך, און די זאכן וואס זענען געזאגט געווארן אין דעם טראַנס-אַטלאַנטיק שמועס זענען געווען נישט ווייניגער ווי איבערראשנד:

"הער זיך צו", האט ער אים געזאגט ווען זיין התרגשות הערט זיך פון יעדן ווארט.

ווי איך האב געפלאנט פון פריער, האב איך ביים סוף ליינען צוזאמגענומען אלע קינדער פון שול צו ענטפערן אמן נאך דעם 'מי שברך', איך האב געזאגט די תפילה הויך, און די קינדער האבן אלע געענטפערט הויך 'אמן' און מיט גרויס כוונה ווען אלע מתפללים האבן זיך אויך צוגעשטעלט.

די זכות פון תפילת רבים, ווי עס זעט אויס, איז בייגעשטאנען פאר דעם קליינעם קינד, ווייל אויף א וואונדערליכן וועג, גלייך מוצאי שבת בין איך אינפארמירט געווארן, אז נאך וואכן פון פארערגערונג, איז דעם שבת אינדערפרי געווארן א ענדערונג לטובה אין דעם קינד'ס געזונט, זיין קערפער האט מצליח געווען צו איבערקומען די באקטעריע און זיין צושטאנד הייבט אן צוביסלעכווייז גיין צו א פארבעסערונג. היינט זונטיג אינדערפרי האט מען מיר ווידער אינפארמירט אז ער ערהוילט זיך און שטארקט זיך אויף א שנעלן אופן.

איך האב שפעטער געהערט פון דעם קינד'ס טאטן, אז לויט די דאקטורים איז דאס געווען אן אמת'ער נס. א נס וואס האט נישט קיין נאטורליכן הסבר, אויסער די כח פון ענטפערן 'אמן' וואס האט ווידער זיך אויפגעוויזן אלס א שליסל פון נסים און ברכה און ישועה, און ווי די קדמונים האבן געזאגט אז די אותיות וואס זענען נאך די אותיות 'אמן' זענען 'בנס', דיר צו לערנען, אז נאך אמן קומט א נס.

# די ברכה 'השיבה שופטנו'

## די מקור פון די ברכה

אין גמרא (מגילה יז ב, על פי רש"י שם ד"ה וכיון) איז ערקלערט אז מען האט אוועק געשטעלט די ברכה 'השיבה שופטנו' נאך די ברכה פון 'קיבוץ גלויות' ווייל ווען עס וועט זיין די זמן פון די גאולה, וועלן צוזאמקומען די אידן פון אלע גלות'ן, און בעפאר זיי וועלן זיך באזעצן אין ירושלים וועט הקב"ה שטראפן די רשעים, און דורך דעם וועט וועלן אוועק געשטעלט די משפט אויף די וועלט.

עס איז וואס זאגן אז די אנשי כנסת הגדולה וואס אין זייער צייט זענען געווען קביעות'דיגע בתי דינים וואס זיי אליין האבן אויפגענומען, האט מען מתקן געווען אנהייבן די ברכה מיט די בקשה: "מלוך אתה ה' עלינו לבדך בחסד וברחמים וצדקנו במשפט", ווייל אין זייער צייט האט מען נישט געדארפט בעטן די שופטים זאלן צוריק געשטעלט ווערן. נאר אין די שפעטערדיגע יארן, נאך וואס די סנהדרין זענען אוועק פון זייער ארט אין לשכת הגזית (ראה ר"ה לא א), האט מען מתקן געווען בעטן: "השיבה שופטנו כבראשונה ויועצנו כבתחילה". און מען האט אויך צוגעלייגט א בקשה: "והסר ממנו יגון ואנחה", ווייל די סיבה פון די גלות הסנהדרין איז געווען ווייל זיי האבן נישט געקענט שטראפן די רוצחים (ע"ז ח ב) און ווייל עס איז נישט געווען קיין מורא בית-דין, האט זיך פארמערט 'יגון ואנחה' צווישן כלל ישראל ('תיקון תפילה' בסידור 'אוצר התפילות', בהערה שלפני שמו"ע).

## די באדייט פון די ברכה

אין די ברכה בעטן מיר פון ה' זאל אונז אויסלייזן און צוריק ברענגען דעם בית דין הגדול ['סנהדרין גדולה'] אויף זייער ארט אין לשכת הגזית וואס געפונט זיך אין בית המקדש. די חכמים פון אט די בית-דין פלעגן פסק'ענען הלכות פאר אלע אידן אין אלע מחלוקת'ן וואס זענען נתעורר געווארן אין די תורה, און אלע האבן געמוזט טון לויט זייער הוראה, אזוי ווי עס שטייט (דברים יז יא): "על פי התורה אשר יורוך ועל המשפט אשר יאמרו לך תעשה לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל". נאך בעפאר משיח וועט קומען וועט צוריק אויפגעשטעלט ווערן דער בית דין, ווייל ווען אליהו וועט אונז קומען מבשר זיין די גאולה, וועט ער מסמיך זיין די זקני הדור צו דינען אלס חברי הסנהדרין ('יערות דבש' שם ח"א דרוש א. וראה רמב"ם ממרים א ב).

נאך בעטן מיר אין די ברכה אויף די יעצטיגע דיינים זיי זאלן משפט'ן ריכטיג, און דורך וועט זיך אפטון פון אונז 'יגון ואנחה', ווייל ווען די דיינים פארקרומען די דין, שטראפט הקב"ה זיי און אויך די וואס האבן זיי אויפגענומען (שם, ע"פ אבות ה ב).

די ברכה איז אויסגעשטעלט לויט דעם לשון הפסוק (ישעיה א כו) "ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה". אויף דעם פסוק דרש'ענען די חכמים (ילקו"ש ישעיה רמז שצא): "'ואשיבה שופטיך' - זה משה ואהרן, 'ויועציך' - זה דוד ושלמה'. אבער דער גר"א אין זיין פירוש אויף ישעיה (שם) איז גורס פארקערט: "'ואשיבה שופטיך' - זה דוד ושלמה, 'ויועציך' - זה משה ואהרן' (וראה בפירוש 'אבני אליהו' שבסידור 'אשי ישראל').

## די געבוי פון די ברכה

אין די פארזעצונג פון די ברכה בעטן מיר: "ומלוך עלינו אתה ה' לבדך", ווייל דערנאך וואס די רשעי ישראל וואס געוועלטיגן אויף אונז וועלן שוין מער נישט זיין, און די ערליכע שופטים וועלן צוריק זיין אויף זייער אמט, איז דא דער ארט צו בעטן אז די מלכות פון ה' זאל רועהן אויף אונז, אזוי ווי דער סדר ביי די תפילה פון ראש השנה: "וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ", און באלד: "ותמלוך אתה ה' לבדך על כל מעשיך" ('הארת התפילה').

מיר בעטן אז די מלכות ה' זאל זיין "בחסד וברחמים" מיר זאלן נישט געשטראפט ווערן בדין שמים, נאר "וצדקנו בצדק ובמשפט", ווייל דורך דעם וואס די סנהדרין וועלן צוריק גיין צו זיין אמט און וועלן שטראפן די זינדיגע, וועלן מיר באפרייט ווערן פון דין שמים, אזוי ווי די חכמים זאגן (תנחומא משפטים ה): "אם יש דין למטה אין דין למעלה, אם אין דין למטה יש דין למעלה, כיצד? אם יעשו התחתונים את הדין מלמטה אין הדין נעשה מלמעלה. לפיכך אמר הקדוש ברוך הוא: שמרו את המשפט שלא תגרמו לי לעשות משפט מלמעלה" (פירוש התפילות והברכות לר"י בן יקר ).

## די אויספיר פון די ברכה

א גאנצע יאר ענדיגן מיר די ברכה "מלך אוהב צדקה ומשפט", דאקעגן אין עשרת ימי תשובה "המלך המשפט" (ברכות יב ב). דער אונטערשייד צווישן די צוויי לשונות ערקלערט דער 'לבוש' (שם) אויף צוויי וועגן: א. אגאנץ יאר טון מיר באצייכענען נאר אז הקב"ה איז "אוהב צדקה ומשפט", אבער אין עשרת ימי תשובה וואס ער אנטפלעקט זיין מלכות מיט דעם וואס ער טוט משפט'ן די גאנצע וועלט, טון מיר ספעציעל באטאנען: "המלך המשפט". ב. אגאנץ יאר זאגן מיר אז הקב"ה איז א "מלך אוהב" אז זיינע באשעפענישן זאלן טון "צדקה ומשפט", אבער אין די עשרת ימי תשובה זאגן מיר אז הקב"ה אליין אנטפלעקט זיין קעניגרייך מיט דעם וואס ער זיצט אויפן כסא המשפט.

## די כוונה פון אמן

אגאנץ יאר: עס איז ריכטיג אז הקב"ה האט ליב צדקה ומשפט און הלוואי ער זאל אונז גערעכט געבן ביים משפט.

אין עשרת ימי תשובה: עס איז ריכטיג אז הקב"ה אנטפלעקט זיין מלכות אין די טעג דורך דעם וואס ער זיצט אויפן כסא המשפט, און הלוואי ער זאל אונז גערעכט געבן ביים משפט.

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"וְהִקְרַבְתֶּם עַל הַלֶּחֶם שִׁבְעַת כְּבָשִׂים תְּמִימִם בְּנֵי שָׁנָה וּפַר בֶּן בָּקָר אֶחָד וְאֵילִם שְׁנָיִם" (כג יח)

רבי יעקב צבי יאליש בעל 'מלא הרועים' זאגט:

זאגן יעדן טאג מאה ברכות ברענגט אראפ א שפע פון עסן און פרנסה אויף דער וועלט. דער זאך איז מרומז אין דער נאמען פון דוד המלך וואס האט מתקן געווען די תקנה פון 'מאה ברכות' (במדב"ר יח כא): "דוד בן ישי... **בית הלחמי**" (שמואל א' יז נח), וויל אין זיין זכות איז דא **לחם** און שפייז פאר די באשעפענישן. אויך אונזער פסוק איז מרמז אויף דעם; "וְהִקְרַבְתֶּם עַ ל הַלֶּחֶם" - אויב ענק וועלן 'תקריבו' 'על' [בגימטריה מאה] ברכות יעדן טאג וועט ה' ענק שיקן א שפע פון פרנסה און עס וועט ענק קיינמאל נישט פעלן פון ענקער שפייז.

'קול יעקב'

### דער 'קרבן' פון מאה ברכות ברענגט שפע אויף דער וועלט

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

### אמן נאך ברכות השחר – 'שומר אמונים'

אין מסכת שבת (קיט ב) דרש'ענען די חכמים פון דער פסוק (ישעיה כו ב): "פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים", אז די שערי גן עדן עפענען זיך פאר דער וואס ענטפערט אמן. די ווארט "שֹׁמֵר" איז טייטש ווארטן (רש"י ישעיה שם), און מען דארף פארשטיין פארוואס פונקט אויף ענטפערן אמן דארף מען ווארטן און ארויסקוקן?

ערקלערט **רבי משה זכות** פון מאנטאבא און פון די מגדולי המקובלים אין איטאליע:

די קדמונים האבן באשטימט א טעגליכן ציפער אויף די דברים שבקדושה: 'צדי"ק' - צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים און ק' ברכות. כדי צו קענען אנקומען צו די צאל פון די קדושות, קדישים און ברכות דארף מען זיך נישט באזונדער אנשטרענגען, און יעדער וואס דאוונט יעדן טאג דריי תפילות מיט מנין, געווענליך קומט אן צו די צאל וואס פעלט זיך אויס. אבער כדי צו זאמלען ניינציג אמנים אויף ברכות (ראה שו"ת רמ"ע מפאנו סי' קט) דארף דער מענטש ווארטן און האפן מען זאל זאגן פאר אים די ברכות השחר. דעריבער דער לשון פון ווארטן און האפן זענען זייער פאסיג אויף ענטפערן אמן.

דעריבער דערנאך וואס עס שטייט אין פסוק די ווארט 'צדיק' וואס איז מרמז אויף די ציפערן פון אלע דברים שבקדושה, באטאנט דער פסוק: "שֹׁמֵר אֱמֻנִים" - ווייל כדי דער מענטש זאל קענען דערגרייכן צו די צאל פון די ניינציג אמנים דארף ער באזונדער ווארטן און היטן דערויף. און רמ"ז פירט אויס, אז צוליב דעם פירט ער זיך ענטפערן יעדן טאג אמן נאך ברכות השחר, און לייגט צו אז דער מנהג איז א "מנהג ותיקין אין ארץ ישראל" (פירוש הרמ"ז לזוה"ק וילך רפה א).

### די מנהג פון מהר"ם בנעט ביים זאגן די ברכות השחר

רבי יעקב בנעט דער זון פון מהר"ם בנעט שילדערט אין ספר וואס ער האט געשריבן אויף די לעבנ'ס געשיכטע פון זיין פאטער, וויאזוי ער האט זיך געפירט יעדן אינדערפרי, און אזוי דערציילט ער: "פון שטענדיג אן איז ער געווען... פון די עשרה ראשונים, און האט צוגעהערט די ברכות השחר פון יעדן איינעם פון זיינע שטוב מענטשן כדי צו ענטפערן אמן נאך זיי, און נאכדעם האט ער אליין געזאגט די ברכות אויפן סדר מיט א זיסע שטימע און כוונה, בעפאר דער שליח ציבור האט זיך געשטעלט דאווענען" (תולדות רבי יעקב [אופן תקצ"ב] עמ' יח).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

לכבוד די רעדאקציע פון די גליון 'וכל מאמינים'

שלום רב!

אזוי ווי אסאך און ערליכע מענטשן בין איך אויך באאיינפלוסט געווארן דורך ענקער חשוב'ן בלעטל, און דורך די השפעה בין איך שוין מקפיד עטליכע יאר צו זאגן ברכות השחר יעדן אינדערפרי מיט א חברותא.

איך בין ערוועקט געווארן צו שרייבן דעם בריוו, דערנאך וואס עס איז מיר ארויפגעקומען אין מיינע געדאנקען א וואונדערליכן רמז, וואס לערנט אונז די גרויסקייט פון דער מדרגה פון ענטפערן אמן; עס שטייט אין תהלים (טז, ו): "חבלים נפלו לי בנעמים אף נחלת שפרה עלי", און איך האב געטראפן, אז די ראשי תיבות: "חבלים נפלו לי בנעימים אף..." זענען פונקט די גימטריה פון די ווארט "אמן".

דערפון האב איך מיך אויסגעלערנט, אז דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן און אינוועסטירט פלאג און שווייס כדי זוכה זיין צו דעם, פילט אן אמת'דיגן גייסטיגן פארגעניגן אין די בחינה פון "חבלים נפלו לי בנעימים". דאס איז אין צוגאב פון די וואונדערליכע זאכן וואס חז"ל האבן געזאגט אויפן שכר פון דעם וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן, און וואס זארגט זיך עס זאל נשלם ווערן די ברכות דורך ענטפערן אמן.

יישר כח אויף די גרויסע און שטענדיגע חיזוק בפרט, און אויף דעם וואונדערליכן מאטעריאל וואס ענק שטעלן צו אין ענקער וועכנטליכע בלעטל בפרט.

חיילכם לאורייתא

**צ.א.ג**

**אשדוד**

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די הייליגע מציבה פון 'כלי יקר' אין אלטן בית החיים אין פראג

### דער 'כלי יקר'
### ז' אייר שע"ט

רבי שלמה אפרים, בעל 'כלי יקר', איז געבוירן געווארן אין דער שטאט לינטשיץ אין פולין צו זיין פאטער ר' אהרן. צוזאמען מיט זיין געוואלדיגע גאונות אין תורה איז ער באקאנט געווען אלס א הערליכער דרשן. אין יאר שס"ד איז ער אויפגענומען געווארן צו דינען אלס דרשן אין פראג, און שפעטער איז ער אויך דערוועלט געווארן צו דינען דארט אלס ראש ישיבה און אב"ד. אסאך תלמידים זענען געקומען קיין פראג לערנען תורה ביי אים, צווישן זיי דער 'תוספות יו"ט'.

דער כלי יקר האט פארפאסט אסאך חיבורים אויף דרוש און מוסר, אבער בעיקר איז ער באקאנט געווארן אדאנק זיין ספר 'כלי יקר' על התורה. אין זיין הקדמה צו דעם ספר דערציילט ער, אז אין יאר שס"א איז ער קראנק געווארן אויף א שווערע קראנקייט, און האט געטון א נדר אז אויב השי"ת וועט אים שיקן א רפואה, וועט ער מחבר זיין דעם חיבור. אויסער דעם האט ער מחבר געווען נאך אסאך ספרים, צווישן זיי די ספרי הדרוש 'עיר גבורים', 'עמודי שש' און 'שפתי דעת'.

ער איז פארבעטן געווארן לישיבה של מעלה, ז' אייר שע"ט, און איז באערדיגט געווארן אויפן אלטן בית החיים אין פראג.

### ענטפערן אמן איז ווי די חתימה אויפן שטר

דער כלי יקר ערקלערט אזוי דעם מאמר חז"ל (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך": די ברכה איז צוגעגלעכנט צו שרייבן דעם שטר, און דער אמן ווי דער חתימה אויף דעם. אזוי ווי די חתימה באשטעטיגט וואס עס שטייט אין שטר, אזוי אויך ענטפערן אמן באשטעטיגט די ווערטער פון דער מברך ('עוללות אפרים' ח"ג מאמר תס).

### די שכר לויט די צאל פון די ברכות

די שכר פון די אידן ווערט געגעבן לויט די ברכות וואס זיי זאגן יעדן טאג, און וועגן דעם דער וואס זאגט 'מאה ברכות' יעדן טאג באקומט שכר אויף די ברכות לויט די צאל ברכות וואס ער האט געזאגט. דאס איז אויך מרומז אין תהלים (סח כ): אזוי ווי די צאל פון "ברוך ה'" וואס דער מענטש זאגט "יום יום", אזוי וועט ער זוכה זיין עס זאל ביי אים מקוים ווערן: "יעמס לנו הא-ל ישועתנו סלה". אויף דעם איז אויך מרמז דער פסוק (תהילים לא כ): "מה רב טובך אשר צפנת ליראיך"; 'אל תקרי 'מה' - אלא 'מאה' רב טובך...', ווייל אנטקעגן די מאה ברכות וואס מען זאגט יעדן טאג, זענען אוועק געלייגט פאר דעם מענטש הונדערט טויערן פון טובה און ברכה ('שפתי דעת' עקב סי' שו).